פרשת בא תשפ״ג
גליון 54

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה' יתברך, יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשפ״ג לפרט קטן

*... תמי', תלמידה בית פיגא ירושלים*

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן די גוטע גרוסן פון בית פיגא שולע אין ירושלים; דאס מערסטע פריי איך זיך ווען איך הער פון די לערערינס אז אלע תלמידות זענען זייער דרך ארץ'דיג, מען רעדט נישט ווען די לערערין רעדט, מען לאכט נישט פון לערערינס, מען איז ערנסט ביי די לימודים.

בנוגע וואס איר זאלט זיך פארנעמען לכבוד אייער געבורט'ס טאג; נעמט זיך פאר, ווען איר גייט ארויס פון שטוב לייגט די האנט אויף די מזוזה און בעטס דעם אייבערשטן די קורצע תפילה: ״הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל צוריק אהיים קומען געזונט און שטארק״, און ווען איר קומט אהיים זאלט איר לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן: ״שכוח אייבערשטער אז איך בין צוריק אין שטוב געזונטערהייט״; דאס איז א גוטע זאך זיך פארצונעמען, אזוי וועט איר זיין אפגעהיטן אייער גאנצע לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ח'

אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן כַּמָה שָׁנִים זִיבֶּעצִיק יָאר.



זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַסַאךְ חֲיָילוֹת מִיט דִי אַוֹבַּאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּיי הַאלְטְן פַאר דִי חֲיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיין קַארְטֶע אוּן דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבֶּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבֶּן אִים.



# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### גיטי אפפעל דערציילט:

איך בין געגאנגען אין גראסערי און איך האב געוואלט קויפן אפאר זאכן, אויפן וועג אהיים האב איך באמערקט אז די איבריגע געלט האט זיך פארלוירן! איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!

### דבורי איינדיג דערציילט:

ש'כח אייבערשטער אז ס'גייט שוין כמעט זיין מיין שוועסטער'ס חתונה, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל טרעפן א שיינע קלייד, איך האב זייער לאנג געזוכט און געמאכט נאך און נאך תפילות, און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב ב"ה באקומען א הערליכע קלייד פאר מיין שוועסטער'ס חתונה.

# נייעס אין בית פיגא

די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג האט געלערנט א וויכטיגע בריוו אין עצתו אמונה וועגן נישט אויסגעבן געלט פאר נארישע זאכן אדער פאר זאכן וואס זענען נאר אויף אפאר שעה, ווי למשל א כלה קלייד וואס איז נאר פאר איין נאכט. נאכן ליינען די בריוו זענען זיי געגאנגען צוזאמען באזוכן אין די סאטמארע כלה גמ"ח ווי זיי האבן געזען הערליכע קלייד איינס ביי איינס, און די פרוי דארט האט זיי געוויזן אויף איין קלייד אז דאס איז אריינגעקומען די וואך פון איינער וואס האט עס אויפגעגייט פאר צען טויזנט דאלער און דא ביי די גמ"ח קען מען עס באקומען פאר בלויז הונדערט דאלער. אויך האבן זיי אלע געקענט אנפרובירן gowns און זיי האבן זייער הנאה געהאט.

אלע מיידלעך פון שטעטל סקול און וויליאמסבורג סקול גרייטן זיך צו זיך צו טרעפן אין די נעקסטע פאר טעג ביי די 'ברסלב שוועסטערלעך' צוזאמקום, ווי מען וועט פארברענגען אינאיינעם געשמאק. ווען מען טרעפט זיך צוזאמען ברסלבע מיידלעך איז אזוי געשמאק צו פארברענגען, ווייל אלע מיידלעך לעבן מיט די אייבערשטער און מען בעט די אייבערשטער יעדע זאך!

# א שיינע תפילה צו זיין פרייליך

"הייליגער באשעפער, איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן וואס דו האסט מיר געגעבן. שכוח אייבערשטער פאר אלעס גוטס וואס דו טוסט מיט מיר, איך האב אזויפיל גוטס; איך האב אזא טייערע משפחה, אזא גוטע טאטע מאמע. שכוח אייבערשטער אז יעדער אין די משפחה איז געזונט און שטארק, שכוח אייבערשטער אז איך לערן אין 'בית פיגא' - די הייליגע ברסלב'ע סקול וואו מען לערנט מיט מיר די ריינע אמונה, איך זאל וויסן אז: "אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס"; מיינע טיטשערס חזר'ן שטענדיג מיט אונז אז מיר זאלן בעטן דעם אייבערשטער אויף אלעס וואס מיר דארפן.

הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל שטענדיג זיין פרייליך, איך זאל זען דאס גוטס וואס דו געבסט מיר און איך זאל אנערקענען ווי רייך איך בין; איך האב אויגן צו זען, אויערן צו הערן, א נאז צו אטעמען און שמעקן, און א מויל צו עסן און רעדן, געזונטע הענט און געזונטע פיס, ווי גליקליך בין איך! איך דאנק דיר פאר דעם אלעס.

הייליגער באשפער העלף מיר איך זאל נישט קוקן אויף א צווייטן און איך זאל נישט מקנא זיין א צווייטן, נאר איך זאל זיין צופרידן מיט וואס איך האב און איך זאל קוקן גוט אויף יעדן איינעם. ווען איך זע ווי מיין חבר'טע האט עפעס א שיינע קלייד זאל איך מיר פרייען פאר איר, אזוי אויך ווען איך זע אז מיין שוועסטער איז מצליח זאל איך מיר פרייען פאר איר און איך זאל איר פארגינען. איך בעט דיר אייבערשטער נעם ארויס פון מיר מיינע שלעכטע מידות וואס ליגט אין מיר; פארוואס באדערט מיר ווען עס גייט גוט פאר א צווייטן? פארוואס מאך איך אוועק ווען מיין שוועסטער זאגט עפעס? פארוואס לאך איך פון מיין חבר'טע? העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיין פאזעטיוו".

# א שיחה
## פון די רבי

**קענסטו טראכטן וועלכע באקאנטע שיחה פון די רבי די בילד טוט מיינען?**



**דורך: לאה סאלז**

## מזל טוב!
**מרת ר. איידליס**

צו איר נייע מיידל בעיבי!

## מזל טוב!
**מרת ש. מייזעלס**

צו איר נייע אינגל בעיבי!